NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13240

# YANKO DER SHPILER

Henryk Sienkiewicz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי

הענריק סענקעוויטש

# יאַנקאָ דער שפּילער

יידיש ש. באַסטאָמסקי

צווייטע אויפלאַגע

פאַרלאַג
„נייע יידישע פאָלקסשול“
ווילנע
1933

31010
13/29930

באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי

הענריק סענקעוויטש

# יאַנקאָ דער שפּילער

יידיש—ש. באַסטאָמסקי

צווייטע אויפלאַגע

פאַרלאַג
„נייע יידישע פאָלקסשול"
ווילנע
1933

Printed in Poland

40172

57319

Henryk Sienkiewicz

# JANKO MUZYKANT

przekład S. Bastomskiego

1938

Drukarnia F. Garbera Wilno, Zawalna 25.



העגריק סענקיעוויטש

געקומען איז דאָס אויף דער וועלט א דארס און א שוואכס. די ווייבער, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן אַרום דער קינפעטאָרינס טאַפּטשאַן*), האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ ווי אויף דער מוטער, אַזוי אויפן קינד

די שמידיכע שימאַנאָווע, וועלכע איז געווען א פרוי א חכמה, האָט אַזוי גענומען טרייסטן דעם חולה:

— לאָזט מיך — האָט זי געזאָגט — וועל איך אָנצינדן איבער אייך דאָס הייליקע ליכט. ס'וועט שוין גאָרנישט זיין, מיין פריינד! איר מוזט זיך קלייבן אויף יענער וועלט... מע דאַרף שיקן נאָכן גלח, ער זאָל אייך אייערע עבירות מוחל זיין.

און א צווייטע האָט זיך אָפּגערופן: — און דאָס יינגל דאַרף מען זען גלייך אָפּטויפן. ער וועט זיך אויפן גלח אויך ניט דערוואַרטן. זאָל ער ניט בלייבן קיין פאַרשאָלטענער!

און אַזוי ריידנדיק האָט זי אָנגעצונדן דאָס ליכט, דאַן גענומען דאָס קינד, באַשפּריצט עס מיט וואַסער אַזוי, אַז עס האָט גענומען זשמורען מיט די אייגלעך, און זי האָט געזאָגט:

„אין נאָמען פון פאָטער און זון און הייליקן גייסט טויף איך דיך און גיב דיר א נאָמען „יאַן". און איצט „קריסטלעכע" נשמה, גיי, פונוואַנען דו ביסט געקומען. אמן"!

די קריסטלעכע נשמה האָט אָבער גאָר קיין חשק ניט געהאַט צו גיין, פונוואַנען זי איז געקומען, און פאַרלאָזן דעם דאָרן גופל. פאַרקערט, זי האָט נאָך גענומען דריגען מיט די פיס פון גופל, ווי נאָר זי האָט געקאָנט, און וויינען כאָטש אַזוי שוואַך און נעבעכדיק אַז, ווי די ווייבער האָבן געזאָגט — „מע האָט געקענט מיינען א קעצל, ניט קיין קעצל, צי עפּעס אַנדערש!"

מע האָט געשיקט נאָכן גלח. ער איז געקומען, האָט אָפּגעטאָן דאָס זייניקע און איז אַוועקגעפאָרן.

דער קינפעטאָרין איז בעסער געוואָרן. אין א וואָך אַרום איז זי אַוועק צו דער אַרבעט.

דאָס יינגל האָט קוים געזשיפּעט, אָבער געלעבט.

אויפן פערטן יאָר אין פרילינג האָט אים די קוקאַוקע אָפּגערופן זיין קרענק. ער איז געוואָרן שטייפער און אַזוי שוין דערקראָכן ביזן צענטן יאָר פון זיין לעבן.

פון תמיד אָן איז ער געווען אַן אויסגעדאַרטער, אַן אָפּגעבריגטער, מיט אַן אויסגעפּויזטן בויך און איינגעפאַלענע באַקן; געהאַט א טשופּרינע**) א ווייסע ווי קאַנאָפּלעס, וועלכע איז אַראָפּגעהאַנגען איבער זיינע קלאָרע אויסגעגלאָצטע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אין דער וועלט אַריין, ווי פאַרקוקט אין עפּעס אַן אומענדלעכער ווייטקייט.

ווינטער פלעגט ער זיצן הינטערן אויוון און וויינען שטיל פאַר קעלט און אַמאָל פאַר הונגער, ווען זיין מאַמע האָט ניט געהאַט וואָס אַריינצולייגן ניט אין [illegible] און ניט אין טעפּל.

---

*) שלאַפבאַנק. **) א בונט האָר אויפן קאָפּ.

זומער פלעגט ער גיין אין איין העמד ארומגעגארטלט מיט א בענדל און אין א שטרויענעם „קאפעלוש", און פון אונטער דעם צעריסענעם ראנד פונעם קאפעלוש פלעגט ער ארויסקוקן, פארדרייסנדיק ווי א פויגל דעם קאפ אינדערהויך.

זיין מאמע, אן ארעמע שכנטע, וואס האט געלעבט פון טאג אויף טאג ווי א שוואלב אונטער א פרעמדן דאך, האט אים אפשר אויף איר שטייגער האלט גע־האט, אבער געשלאגן האט זי אים גאנץ אפט און שטענדיק גערופן „בענקארט".

צו אכט יאר האט ער שוין געהאלפן פיטערן בהמות. ווען אין שטוב איז נישט געווען וואס צו עסן, פלעגט ער גיין אין וואלד קלייבן שוועמלעך. און אויב א וואלף האט אים דארט ווען נישט אויפגעגעסן, איז עס א גנאד פון דעם אייבערשטן.

געווען איז ער א יינגל נישט קיין איבערגעשפיצטער, און ווי די דארפישע קינדער פלעגט ער ביים ריידן מיט מענטשן ארייגלייגן דעם פינגער אין מויל.

מענטשן האבן ווייניק געהאפט אויף דעם, ער זאל זיך אויסהאדעווען, און נאך ווייניקער — זיי מאמען זאל ווען־נישט־איז דערלעבן נחת פון אים, ווייל צו קיין שום ארבעט האט ער נישט געטויגט

אומבאוווסט פונוואנען ס׳האט זיך ביי אים גענומען, נאר אויף איין זאך איז ער געווען להוט — אויפן שפילן. אומעטום האט ער געהערט — דאס שפילן. און אז ער איז אויסגעוואקסן, האט ער שוין וועגן קיין אנדער זאך נישט געקלערט. ס׳פלעגט פאסירן — ער גייט אוועק אין וואלד מיט די בהמות אדער מיט א טעפל נאך יאגדעס, ערשט ער קומט צוריק מיט ליידיקן און זאגט צו דער מאמען אונטער־שטאמלענדיק:

— אוי, מאמעלע, האט דאס אין וואלד עפעס געשפילט!...

און די מאמע ענטפערט אים: — איך וועל דיר שוין אויפשפילן! וועסט שוין זען! און אפטמאל פלעגט זי אים טאקע אויפשפילן מיטן קאכלעפל...

דאס יינגל פלעגט שרייען, פלעגט צוזאגן, אז מער וועט שוין דאס נישט זיין. און פונדעסטוועגן פלעגט ער זיך טראכטן, אז דארט אין וואלד האט פארט עמיץ געשפילט... וואס? צי האט ער דען געוווסט?... די סאסנעס, די בוקן, די בושעזינעס, די פייגלען — אלץ האט געשפילט: דער גאנצער וואלד און גאר!

דער ווידערקול אויך... אין פעלד האבן אים געשפילט די ווייס־בלימעלעך, אין סעדל הינטערן שטיבל האבן די ווורובלעס אזוי געצווירקעט, אז די קארשן האבן זיך אזש געטרייסלט!

אין די אוונטן פלעגט ער זיך צוהערן צו אלע קלאנגען פון דארף און ער פלעגט זיכער טראכטן, אז דער גאנצער דארף שפילט. און ווען מע פלעגט אים שיקן אויף ארבעט, פונאנדערווארפן מיסט, האט אים דער ווינט אפילו אין די ווידלעס געשפילט...

איינמאל האט אים אזוי דער וועכטער דערזען, ווי ער שטייט מיט א צעווארפענער טשופריגע און הערט זיך צו צום ווינט, וואס שפילט אין די הילצערנע ווידלעס... דערזען אים אזוי, האט ער אפגעשפילעט דעם רימען און געגעבן אים גוט צו געדענקען. וואס האט עס אבער געהאלפן?

מענטשן האבן אים א נאמען געגעבן „יאנקא דער שפילער".

פרילינג־צייט פלעגט ער אנטלויפן פון דער היים צו דער סאושלקע מאכן פייפעלעך.

אין די נעכט, ווען די זשאַבעס פלעגן נעמען קוואַקען, די וואַכטלען אויף די לאָנקעס—רופן, די פליגן אין טוי זשומזשען, ווען די העגער הינטער די פלויטן האָבן געזונגען — האָט ער נישט געקאָנט איינשלאָפן, נאָר געהאָרכט. און איין גאָט ווייס, וואָס פאַר אַ מין שפּילן ער האָט אַפילו אין דעם געהערט...

אין קאָשציאָל אַריין האָט אים די מאַמע נישט געקאָנט נעמען, ווייל, ווי נאָר דער אָרגאַן פלעגט נעמען שפּילן און ס'פלעגט זיך דערהערן אַ זיס געזאַנג, פלעגן זיך דעם קינדס אייגלעך פאַרציִען מיט אַ נעפּל, ווי זיי וואָלטן שוין געקוקט נישט אויף דער וועלט...

דער וועכטער, וואָס פלעגט ביינאַכט אַרומגיין איבערן דאָרף (און כּדי נישט איינצושלאָפן פלעגט ער ציילן די שטערן אין הימל אָדער אינדערשטיל דורכשמועסן זיך מיט די הינט), האָט נישט איינמאָל געזען, ווי יאַנעקס ווייסע העמד שלייכט זיך אין דער פינצטער צו דער קרעטשמע צו.

דאָס ייִנגל פלעגט אָבער גיין נישט אין קרעטשמע אַריין, נאָר בלייבן פאַר דער קרעטשמע, פאַרטייען זיך הינטער אַ וואַנט און האָרכן. מע האָט דאָרט געטאַנצט. פון צייט צו צייט פלעגט אַ פּאַראָבעק אויסשרייען „או — האַ!“, ס'האָט זיך געהערט אַ טופּעריי פון שטיוול, מיידלשע שטימען „וואָס איז דען?“ די פידלען האָבן געשפּילט:

„לאָמיר עסן, לאָמיר טרינקען, לאָמיר פריילעך זיין!“

און דער באַס האָט שטאָלץ געענטפערט מיט אַ גראָבן קול:

„ווי גאָט האָט געבאָטן, ווי גאָט האָט געבאָטן!“

די פענצטער האָבן געלויכטן און יעדער בערווענע אין קרעטשמע, האָט זיך געדאַכט, וויגט זיך, זינגט און שפּילט מיט. און יאַנעק האָט געהאָרכט!.. וואָס וואָלט ער נישט אוועקגעגעבן דערפאַר, אַז ער זאָל קאָנען האָבן אַזאַ פידל, וואָס שפּילט אַזוי צאַרט: „לאָמיר עסן, לאָמיר טרינקען, לאָמיר פריילעך זיין!“ פאַר אַזוינע זינגענדיקע ברעטלעך!.. נאָר ווו באַקומט מען דאָס? ווו מאַכט מען אַזוינע? ווען מע וואָלט אים לכל־הפּחות געלאָזן כאָטש איין מאָל נעמען אַזוינס אין האַנט אַריין! נאָר ווי? ער מעג נאָר זיך איינהאָרכן, און דאָס האָט ער געוויינטלעך זיך איינגעהאָרכט נאָר ביז דאַן, ביז וואַנען ס'פלעגט זיך דערהערן אין דערפינצטער דעם וועכטערס קול:

— וועסט גיין אַהיים, דו שד איינער?

דאַן פלעגט ער אַנטלויפן מיט די באָרוועסע פיסלעך אַהיים.

און אין דער פינצטער פלעגט אים נאָכיאָגן דאָס קול פונם פידל:

„לאָמיר עסן, לאָמיר טרינקען, לאָמיר פריילעך זיין!..“

און דער שטאָלצער קול פון באַס:

„ווי גאָט האָט געבאָטן! ווי גאָט האָט געבאָטן!“

ווען עס האָט זיך אים נאָר געמאַכט צו הערן אַ פידל— צי אויף דאָזשינקעס*) צי אויף אַ חתונה — איז דאָס שוין פאַר אים געווען אַ גרויסער יום־טוב. ער פלעגט נאָכדעם אַרויפקריכן אויפן אויוון און גאַנצע טעג גאָרנישט ריידן, נאָר קוקן ווי אַ קאָטער אין דער פינצטער מיט זיינע בלישטשענדיקע אויגן.

שפּעטער האָט ער זיך אַליין געמאַכט אַ פידעלע פון שינדלען און פערדישע האָר. דאָס פידעלע האָט אָבער נישט געוואָלט שפּילן אַזוי שיין ווי יענע אין דער

---

*) דער יום־טוב פון סוף קאָרנשניט.

קרעטשמע. זי האָט געפּישטשעט שטיל, אַזוי ווי מייזעלעך אָדער קאַמאַרן. פונדעסטוועגן האָט ער אויפן פידעלע געשפּילט פון פרי ביז שפּעט, כאָטש ער האָט דערפאַר באַקומען אַזוי פיל שטורקאַצעס, אַז ער האָט אויסגעזען ווי אַ צעקלאַפּטער נישט קיין צייטיקער עפּל. אָבער אַזאַ נאַטור האָט ער שוין געהאַט.

וואָס ווייטער איז דאָס ייִנגל אַלץ דאַרער געוואָרן. נאָר אַ בויך האָט ער שטענדיק געהאַט אַ גרויסן, אַ טשופּרינע — וואָס ווייטער אַלץ אַ בעדיכטערע און אויגן — אַלץ ברייטער פונאַנדערגעעפנטע, הגם אָפט פאַרגאָסענע מיט טרערן. די באַקן און די ברוסט זיינען אים איינגעפאַלן וואָס ווייטער אַלץ טיפער און טיפער...

ער איז גאָרנישט ענלעך געווען אויף אַנדערע קינדער. גיכער איז ער געווען ווי זיין שינדל-פידעלע, וואָס האָט קוים געדרימפּלט.

אין דער צייט פאַר קאָרנשניט פלעגט עס כמעט אויסגיין פון הונגער, אָפּטערס געלעבט מיט רויע מערן און מיטן פאַרלאַנג צו האָבן אַ פידל.

פון דעם דאָזיקן פאַרלאַנג איז אָבער פאַר אים קיין גוטס נישט אַרויסגעקומען.

---

אַ לאָקײַ פון הויף האָט געהאַט אַ פידל. פון צייט צו צייט פלעגט ער פאַרנאַכטלעך שפּילן אויף דער פידל, כדי צו געפינען חן ביי דער שטוב-מיידל.

יאַנעק פלעגט זיך אָפטמאָל אונטערגנבענען דורך די לאָפּוכעס*) אַזש ביז דער אָפענער טיר פון שפּייז-צימער, כדי אַ קוק צו טאָן אויף דער פידל. זי איז טאַקע געהאַנגען אויף דער וואַנט אַנטקעגן טיר. און דאָס ייִנגל האָט די גאַנצע נשמה זיינע געשטרעקט צו איר דורך די אויגן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז פאַר אים אַ הייליקייט נישט קיין צוטריטלעכע, צו וועלכער ער איז נים ראוי זיך צוצורירן, אַז דאָס איז זיין טייערסטער ליבלינג. פונדעסטוועגן האָט ער נאָך דעם געגאַרט. אים האָט זיך געוואָלט כאָטש איין מאָל האַלטן עס אין האַנט, לכל הפחות צוקוקן זיך צו דעם פון דער נאָענט.

דאָס אָרעם קליין ייִנגלש הערצל האָט געציטערט פאַר פרייד פון דעם געדאַנק ווען אַזאַ גליק.

איינמאָל ביינאַכט איז אין שפּייז-צימער קיינער נישט געווען. די באַלעבאַטים זיינען פון לאַנג געזעסן אין אויסלאַנד. דער הויף איז געווען פוסט און דער לאָקײַ פלעגט כסדר זיצן ביי דער שטוב-מיידל אין אַנדער זייט הויף.

פאַרטײַעט איז גראָז האָט שוין יאַנעק לאַנג געקוקט דורך דער אָפענער ברייטער טיר אויפן ציל פון אַלע זיינע באַגערן. די לבנה אויפן הימל איז גראָד געווען אַ פולע און האָט אַריינגעשיינט פון אַ זייט אין שפּייז-צימער, אָפּשפּיגלענדיק זיך אין דער פאָרם פון אַ גרויסן העלן קוואַדראַט אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט.

און דער דאָזיקער קוואַדראַט האָט זיך פּאַמעלעך אַלץ דערנענטערט צו דער פידל און ענדלעך זי איינגאַנצן באַלויכטן.

דאַן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אין דער פינצטערער טיפעניש האָט פון איר אַזוי ווי געשלאָגן אַ זילבערנע ליכטיקייט. דערהויפּט די רעליעפע טיילן זיינען אַזוי שטאַרק געווען באַלויכטן, אַז יאַנעק האָט קוים געקאָנט קוקן אויף זיי. ביי דעם דאָזיקן ליכט האָט מען אַלץ בולט געזען: די אויסגעשניצטע זייטן, די סטרונעס און דאָס פאַרבויגן

*) געוויקסן מיט גרויסע בלעטער.

הענטל. די רעדעלעך פון די זייטן האָבן געפינקלט ווי די לייכטוועריעמלעך, און אין דער לענג איז אַראָפּגעהאַנגען דער פּמיטשיק, ענלעך צו אַ דינער זילבערנער רוט...

אַך! אַלץ איז געווען אַזוי שיין, אַזוי וווּנדערבאַר! וואָס ווײַטער האָט יאַנעק געקוקט אויף דעם אַלץ גיריקער. פאַרפלאָנטערט אין די גראָזן, מיט די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אָן די דאַרע קני, מיט אָן אָפענעם מויל האָט ער געקוקט און געקוקט. דאָ האָט אים אַ פּחד אײַנגעהאַלטן אויף אָן אָרט, דאָ האָט אים אָן אומבאַזיגבאַרער באַגער געשטויסן פאָרויס. אַ כּישוף צי וואָס?.. צײַטנווײַז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די באַלויכטענע פידל האָט זיך אַזוי ווי דערנענטערט, איז געשווומען צום קינד... מאָמענטנווײַז פלעגט זי ווי פאַרלאָשן ווערן, כּדי באַלד ווידער אויפצושײַנען נאָך שטאַרקער. אַ כּישוף, אַן אמתער כּישוף!

דערווײַל האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינט. די ביימער האָבן שטיל גענומען רוישן, די גראָזן — זיך וואַרפן, און יאַנעק האָט אַזוי ווי דײַטלעך געהערט.

— גיי, יאַנעק! אין שפּײַז-צימער איז קיינער נישטאָ... גיי יאַנעק!..

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, אַ העלע. אין פריצישן גאָרטן האָט גענומען זינגען דער נאַכטיגאַל — דאָ שטיל, דאָ העכער: „גיי, גיי, גיי, גען!..“

אַ נאַכט-פייגעלע האָט זיך מיט אַ שטילן פליען גענומען דרייען אַרום דעם קינדס קעפּל און רופן: „גיין, יאַנעק, גיין“!

נאָר דאָס פייגעלע איז אַוועקגעפלויגן און דער נאַכטיגאַל איז פאַרבליבן.

און די לאָפּוכעס האָבן אַלץ דײַטלעכער געברומט: „דאָרטן איז קיינער נישטאָ!..

די פידל האָט זיך ווידער צעשטראַלט.

דאָס אָרעם קליין אײַנגעדרייט גופל האָט זיך פּאַמעלעך און פאָרזיכטיק גערוקט פאָרויס. און דער נאַכטיגאַל האָט זיך דערווײַל שטיל אונטערגעפּיפן: „גיי, גיי, יאַנעק“! די ווײַסע העמד האָט זיך אַלץ נענטער און נענטער גערוקט צו דער טיר פון שפּײַז-צימער. זי איז שוין ניט פאַרדעקט מיט די טונקעלע לאָפּוכעס. אויף דער שוועל הערט זיך דער האַסטיקער אָטעם פון דער קראַנקער קינדער-ברוסט. נאָך אַ רגע און די ווײַסע העמד פאַרשווינדט. איין באָרוועס פיסל נאָר זעט זיך נאָך אַרויס אויסער דער שוועל

אומזיסט, פייגעלע, פליסטו נאָכאַמאָל פאַרבײַ און דו רופסט: ניטע! ניטע!... — יאַנעק איז שוין אין שפּײַז-צימער.

גלײַך האָבן זיך ווי דערשראָקענע הילכיק פונאַנדערגעקוואַקעט די זשאַבעס אין גאָרטן-טײַכל. נאָר באַלד זײַנען זיי שטיל געוואָרן. דער נאַכטיגאַל האָט אויפגעהערט צו פײַפן, די לאָפּוכעס — צו רוישן.

יאַנעק האָט זיך דערווײַל שטיל און פאָרזיכטיק געשלײַכט. באַלד איז אים אָבער באַפאַלן אַ שרעק. צווישן די בלעטער האָט ער זיך געפילט ווי בײַ זיך, ווי אַ ווילדע חיה צווישן געוויקסן, און איצט איז ער געווען ווי אַ ווילדע חיה אין אַ שטייג. זײַנע באַוועגונגען זײַנען געוואָרן ראַשיקער, דער אָטעם — קורץ און פײַפנדיק, און דערבײַ האָט אים אַרומגעהילט אַ פינצטערניש. אַ שטילער זומערדיקער בליץ דורכפליענדיק צווישן מזרח און מערב האָט נאָכאַמאָל באַלויכטן דעם שפּײַז-צימער און יאַנעקן — אויף אַלע פיר לעבן דער פידל, מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ אינדערהויך. נאָר דער בליץ האָט זיך אויסגעלאָשן, אַ וואָלקן האָט פאַרדעקט די לבנה און קיינזאַך האָט מען ניט געזען און געהערט.

ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך פון דער פינצטערניש דערטראָגן אַ שטילער הייזעריקער קלאַנג, ווי עמיץ וואָלט אויסגעריבן אָנגעריריטע סטרונעס — און פּלוצלונג...

אַ גראָב פאַרשלאָפן קול, וואָס איז אַרויסגעקומען פון אַ ווינקל שטוב, האָט בייז געפרעגט:

— ווער איז דאָרטן?

יאַנעק האָט פאַרשטיקט דעם אָטעם אין ברוסט. דאָס גראָב קול האָט אָבער איבערגעפרעגט:

— ווער איז דאָרטן?

אַ שוועבעלע האָט אָנגעהויבן צו שווינדלען איבער דער וואַנט. ס'איז ליכטיק געוואָרן, און דערנאָך — אַך, גאָט! ס'דערהערן זיך קולות, קלעפּ, אַ געוויין פון אַ קינד, געשרייען, אַ געביל פון הינט, אַ געלאָף פון ליכט איבער די שויבן, אַ טומל אין גאַנצן הויף...

אויף מאָרגן איז שוין דער נעבעכדיקער יאַנעק געשטאַנען פאַרן געריכט ביים וויט.

האָט מען אים דאָרט געוואָלט משפטן ווי אַ גנב?.. ווייזט אויס. דער וויט און די לאַווניקעס האָבן אים באַטראַכט, ווי ער איז געשטאַנען פאַר זיי מיט אַ פינגער אין מויל, מיט אויסגעגלאָצטע צעשראָקענע אויגן, אַ קליינער, אַ דאַרער, אַן אַרומגעריסענער, אַ צעשלאָגענער, ווייס ניט, ווו ער איז און וואָס מע וויל פון אים...

ווי קען מען משפטן אַזאַ צרהדיקן, וואָס איז אינגאַנצן צען יאָר אַלט און האַלט זיך קוים אויף די פיס? זאָל מען אים שיקן אין תּפיסה אַריין צי ווי?... מע דאַרף דאָך פונדעסטוועגן אויך אַ ביסל רחמנות האָבן אויף אַ קינד. זאָל אים דער וועכטער נעמען. זאָל ער אים אָפּשמייסן, ער זאָל גאָכאַמאָל ניט גנבענען און פאַרטיק. —

— געוויס!

מע האָט גערופן סטאַכן, דעם וועכטער.

— נעם אים און גיב אים, ער זאָל געדענקען.

סטאַך האָט אַ שאָקל געטאָן מיט זיין גאַרישעוואַטן חיהשן קאָפּ, האָט גענומען יאַנעקן אונטערן אָרעם ווי אַ קעצל און אים אַוועקגעטראָגן צום שטאַל צו.

דאָס קינד, צי עס האָט גיך פאַרשטאַנען, וועגן וואָס עס גייט, צי עס האָט זיך איבערגעשראָקן, נאָר עס האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. עס האָט נאָר געקוקט, ווי עס וואָלט געקוקט אַ פויגל. ווייס ער דען, וואָס מ'וויל מיט אים טאָן? ערשט דעמאָלט, ווען סטאַך האָט אים אין שטאַל גענומען אין די הענט אַריין, אויסגעצויגן אויף דער ערד און פאַרקאַשערנדיק די העמד דערלאַנגט אַ שמיץ, ערשט דעמאָלט האָט יאַנעק אַ געשריי געטאָן:

— מאַמעלע!.. און ווי דער וועכטער מיט דער רוט — ער אַלץ — „מאַמעלע, מאַמעלע"! אָבער וואָס ווייטער אַלץ שטילער, שוואַכער, ביז צום ווײַטלטן מאָל איז דאָס קינד אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן און ניט גערופן שוין די מאַמען.

נעבעכדיק צעבראָכן פידעלע...

— ע, דו גאַרישער בייזער סטאַך! ווער שלאָגט דאָס אַזוי קינדער? ס'איז דאָך קליין און שוואַך און פון תּמיד אָן ס'זיך דאָס קוים געהאַלטן!

די מאַמע איז געקומען, האָט צוגענומען דעם יינגל; אַהיים האָט זי אים אָבער געדאַרפט אַוועקטראָגן.

אויפן אַנדער טאָג איז שוין יאַנעק ניט אויפגעשטאַנען און אויפן דריטן פאַר-

נאַכט איז ער שוין רויק אויסגעגאַנגען אויפן טאַפּטשאַן אונטער דער אויסגעקראָ־בעטער דעקע.

אויפן קאַרשנבוים, וואָס איז געוואַקסן בײַ דער פּריזבע, האָבן געטשוויטשערט די שוואַלבן. אַ זונענשטראַל האָט זיך אַרײַנגעריסן דורך דער שויב און באַגאָסן מיט אַ גאָלדענער ליכטיקייט דעם קינדס צעשויבערט קעפּל און פּנימל, אין וועלכן ס'איז ניט פאַרבליבן קיין טראָפּן בלוט. דער דאָזיקער שטראַל איז געווען ווי אַ מין שליאַך, אויף וועלכן עס האָט געדאַרפט אַוועקגיין די קליינע נשמה פונם יינגל. גוט, וואָס כאָטש אין דער רגע פון טויט איז זי געגאַנגען מיט אַ ברייטן זוניקן וועג, ווײַל פאַרן לעבן איז איר וועג געווען דורכויס אַ דאָרנדיקער.

דערווײַל האָט זיך די אויסגעדאַרטע ברוסט אַ ריר געטאָן פון אַ אָטעם־צוג. דעם קינדס פּנים האָט זיך ווי צוגעהאָרכט צו די דאָרפישע קלאַנגען, וואָס זײַנען דערגאַנגען דורכן אָפענעם פענצטער. ס'איז געווען אָוונט. די מיידלעך האָבן זיך צוריקגעקערט פון היי־קלײַבן און געזונגען. „אוי, אויפן גרינעם, אויפן פעלד"!.. און פון סאַזשלקע איז דערגאַנגען אַ שפּיל פון פּייפעלעך. צום לעצטן מאָל האָט זיך יאַנעק אײַנגעהאָרכט, ווי דער דאָרף שפּילט... אויפן געלעגער פאַר אים איז געלעגן זײַן שינדל־פידעלע.

פלוצלונג האָט זיך דאָס פּנים פונם שטאַרבנדיקן קינד אויפגעלויכטן און די ווײַסע ליפּן האָבן גענומען שעפּטשען:

— מאַמעלע?...

— וואָס, זונעלע? — האָט זיך אָפּגערופן די מאַמע, וואָס ס'האָבן איר געשטיקט די טרערן.

— מאַמעלע! אויפן הימל וועט מיר גאָט געבן אַן אמתע פידל?

— געבן דיר, זונעלע, יאָ! — האָט די מאַמע געענטפערט. מער האָט זי שוין אָבער ניט געקענט ליידן, ווײַל פון איר האַרטער ברוסט האָט פלוצלונג אַ שטראָם געטאָן אַ דורכנעמענדיקער צער. זי האָט נאָר אַ קרעכץ געטאָן: „אוי, יעזוס, יעזוס"! און געפאַלן מיטן פּנים אויפן קאַסטן און גענומען שרײַען, ווי זי וואָלט פון זינען אַראָפּ, אָדער ווי אַ מענטש, וואָס זעט, אַז ער וועט שוין פון טויט ניט אַרויסרײַסן זײַן ליבסטן.

און זי האָט אים טאַקע ניט אַרויסגעריסן. ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן און נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן קינד, זײַנען, אמת, די אויגן פון קליינעם שפּילער געווען אָפן, נאָר אומבאַוועגלעך; דאָס פּנים איז געווען זייער ערנסט, חושך און אויסגעצויגן. דער זונענשטראַל איז אויך אַוועק...

— פריד צו דיר, יאַנעק!

*

* *

אויף מאָרגן זײַנען די פּריצים פון הויף צוריקגעקומען פון איטאַליע, צוזאַמען מיט דער טאָכטער און אַ יונגמאַן, אַ חתן.

דער יונגערמאַן האָט געזאָגט: — ס'איז אַ שיין לאַנד איטאַליע איז!

— און וואָס פאַר אַ פאָלק פון קינסטלער!... ס'איז אַ גליק אויסצוגעפינען דאָרט טאַלענטן און זיי אונטערצושטיצן!

איבער יאַנעקן האָבן גערוישט די בעריאָזעס...



# אַבאָנירט אַלע
# און פאַרשפּרייט
# דעם אילוסטרירטן
## 2־וועכנטלעכן
# קינדער־זשורנאַל
# „גרינינקע ביימעלעך“,

וואָס דערשײַנט אין ווילנע
אונטער דער רעדאַקציע פון ש. באַסטאָמסקי.

די „גרינינקע ביימעלעך“ איז דער איינציקער 2־וועכנטלעכער אילוסטרירטער יידישער קינדער־זשורנאַל.

די „גרינינקע ביימעלעך“ ווערן פאַרשפּרייט און געלייענט פון די יידישע קינדער אין דער גאַנצער וועלט.

אין די „גרינינקע ביימעלעך“ שפּיגלט זיך אָפּ דאָס לעבן פון די יידישע שולן אין דער גאַנצער וועלט.

די „גרינינקע ביימעלעך“ העלפן בויען די נײַע יידישע שול.

אין די „גרינינקע ביימעלעך“ ווערן געדרוקט: בילדער, דערציילונגען און מעשהלעך, רײַזעס, ביאָגראַפיעס, קינדער־פּיעסן, וויסנש. דערציילונגען, זאַמלונגען פון וויצן, רעטענישן, שפּילן א. א.

די „גרינינקע ביימעלעך“ האָבן פאַרדינט די אַלגעמיינע אָנערקענונג און דאַרפן זיך געפינען אין יעדן יידישן הויז.

אַלע פרײַנט פון יידישן וואָרט און יידישן קינד דאַרפן טאָן פאַר די „גרינינקע ביימעלעך“ אַלץ, וואָס ס'איז נאָר מיגלעך.

**אַבאָנירט אַלע** שאַפט קרײַזלעך צו פאַרשפּרייטן די **„גרינינקע ביימעלעך“**

אַבאָנעמענטס פּרייז:

[illegible] (20 נומ.) [illegible] (1.20 דאָל.) אַ האַלב יאָר (10 נומ.) 4 ג (60 סענט)

**[illegible] שאַפן אַ גר[illegible]ערע צאָל אַבאָנענטן באַקומט מען פּרעמיעס.**

S. Bastomski, Wilno. Stefańska 24. m. 28. אַדרעס פאַר בריוו און געלט